STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01398

UNZER GEZANG

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph Meyerhoff Family Charitable Funds

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונזער
גע זאַ ב ג

צונויפגעזאַמלט דורך

אַבראַשע ווײַנער

סאָציאַליסטישע טאַשן-ביבליאָטעק נומער 1

וואַרשע 1930

UNZER GEZANG
W a r s z a w a
1 9 3 0

ערשטע אויפֿלאַגע 3000 עקז.

געזעצט: פּאַרבֿיאַזש, דזיעלנאַ 21

Druk. Grafia, Nowolipki 22

* * *

„אונזער געזאַנג" איז אַ באַשיידענער פּרוּוו צו־נויפצוזאַמלען די אַלע לידער, וואָס ווערן געזונגען אין די ברייטע קרייזן פון די יידישע אַרבעטער. אונזערע באַמיוּנגען צו ברענגען גלייכצייטיק מיט די לידער אויך נאָטן, האָבן, צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן, נישט גע־קאָנט דערווייל ווערן רעאַליזירט.

אין אייניקע לידער, וועלכע געפינען זיך אין דאָ־זיקן לידער־זאַמלונג, האָבן מיר אַריינגעפירט קליינע שפּראַכלעכע אויסבעסערונגען. אַ פּאָר לידער האָבן מיר זיך דערלויבט צו קירצן.

דאָס ליד פון „סקיף" — ווערט געזונגען אויף דער מעלאָדיע פון „אינטערנאַציאָנאַל".

אין ליד „לאָמיר אַלע אינאיינעם" ווערט געוויינלעך צוגעגעבן דער נאָמען פון דעם גאַסט, וועמען מען איז מקבל־פּנים.

„נאָכן ארון" איז פאַרפאַסט צו די שלושים פון פאַרשטאָרבענעם פירער פון „בונד" — ביניש מיכאַלעוויטש און ווערט געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון רוסישן ליד: „אָוונט־ליד" פון טאַניעיעוו.

פרייהייט־לידער

ע. פּאָטיע

דער אינטערנאַציאָנאַל

שטייט אויף, איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט!
דער גייסט — ער קאָכט, ער רופט צום וואפן,
אין שלאַכט אונז פירן איז ער גרייט...
די וועלט פון גוואַלדטאַטן און פון ליידן
צעשטערן וועלן מיר, און דאַן —
פון פרייהייט, גלייכהייט אַ גן־עדן
באַשאַפן וועט דער אַרבעטסמאַן.

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשידע—נע—ר שטרייט;
מיט דעם אינטערנאַ—ציאָנאַל
שטייט אויף, איר, אַרבעטסלייט!

ניין, קיינער וועט אונז נישט באַפרייען!
נישט גאָט אַליין און נישט קיין העלד.
מיט אונזער אייגענע כּלי־זיין
אַ רעטונג ברענגען מיר דער וועלט.
די גרויסע שטורעם־טעג, זיי וועלן
נאָר פּאַר טיראַנען שרעקלעך זיין,
זיי קאָנען אָבער נישט פאַרשטעלן

פאַר אונז די העלע זונען־שיין.
דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער. . א. א. ה.

דער ארבעטסמאַן וועט זיין ממשלה
פאַרשפּרייטן אויף דער גאַנצער ערד,
און פּאַראַזיטן די מפּלה
באַקומען וועלן פון זיין שווערד.
דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער... א. א ה.

אַראָפּ דעם יאָך! גענוג געליטן,
גענוג פאַרגאָסן בלוט און שוויס,
צעבלאָזט דאָס פייער, לאָמיר שמידן,
בּל־זמן דאָס אייזן איז נאָך הייס!

ב. טשערוויענסקי

די רויטע פאָן

הײנט טרינקען אונזער בלוט תּלינים,
נישט אײביק וועט זײַן פאָלקס־געוויין.
אויפשײַנען וועט דאַן אונזער פּנים,
און שופטים וועלמיר דאמאָלט זײַן. (2 מאָל)
פאָרווערטס גײט, פאָרווערטס גײט, מיט געזאַנג,
די פאָן די רויטע איז אַ פרײַע,
אָ, זי טראָגט נקמה־בליק, פעלקער צאָרן,
און זי זײעט צוקונפט־קאָרן,
אירע קאָלירן בלוט און פײַער
אין בלוט פון אַרבעטער געווייקט. (2 מאָל)

די אַלטע הינט, די נאַכט־שאַקאַלן
ווילן אונז נעמען מיט אַ גלעט,
וואָס שלעכט איז וועט אין שטויב צעפאַלן,
וואָס גוט איז — אײביק לעבן וועט. (2 מאָל)
פאָרווערטס גײט, פאָרווערטס גײט, מיט געזאַנג א.א.וו.

די אַלטע אָרדנונג פאַלט פאַנאַנדער,
אין פאַלן — נאָך פון אונז פאַרפלוכט.
מיר ווילן אַרבעטן באַנאַנדער
און שותּפות וועט אויך זײַן די פרוכט!
פאָרווערטס גײט, פאָרווערטס גײט, מיט געזאַנג א.א.וו.

העי ברידער, קומט די וועלט פאַרוואַנדלען
אין אייניקייט, וואָס וווּנדער שאַפט!
ווער קאָן דעם שטראָם אין לויף פאַרהאַלטן?
ווער האָט דען אַזאַ ווילדע קראַפט?! (2 מאָל)
פאָרווערטס גייט, פאָרווערטס גייט, מיט געזאַנג א.א.וו.

נידער די הינט, די מענטשן־שינדער,
אַ טויט דער אַלטער, וויסטער וועלט.
מיר זענען נייע מענטשן־קינדער,
און פראַכטפול איז די נייע וועלט! (2 מאָל)
פאָרווערטס גייט, פאָרווערטס גייט, מיט געזאַנג א.א.וו.

אויף באַריקאַדן!

אויף באַריקאַדן, אויף באַריקאַדן,
די רויטע פאָנען הויבט אין דער הויך!
פאָרויערטס צו קאַמפן, פאָרויערטס די אָרעמס,
באַלד וועלן קומען די זיגן אויך!

האַמער זעך, האַמער שמיד,
פונקען פליען, רויט די פונקען גליען.
עס גליט דער פונק, גליט אין דער ברוסט,
בוי און צעשטער, דער ווערקרוף וועקט אונז שוין,
דער ווערקרוף וועקט אונז שוין!

ריטער פון ארבעט, גייסטיקע רימער,
עס איז פון קעמפן, זיגן די צייט.
אויף באַריקאַדן! וועלט גיב אַ ציטער,
באַלד וועסטו ווערן ניי און באַפרייט!

האַמער זעך, האַמער שמיד א. א. וו.

שוועסטער, דיין ברודער זאָלסטו דערמאָנען,
זיין מוז ער מוטיק, יעדער אַ העלד!
ער מיז די פרייהייט פון הענט פון טיראַנען
באַפרייען פאַר דער איבעריקער וועלט.

האַמער זעך, האַמער שמיד א. א. וו.

מאַרקס און לאַסאַל אין אַ ליכט אין אַ העלן,
צוויי גרויסע עדות אין לעצטן געריכט.
זאָל יעדער מוטיק אין רייען זיך שטעלן,
טראָגן דער וועלט זייער לערע און ליכט.
האַמער זעץ, האַמער שמיד א. א. ה.

אויף באַריקאַדן פלאַטערן אויבן
בלוטרויטע פענער, אונזער דאָס בלוט;
אָט שפרינגט דער שונא דיין פרייהייט צו רויבן,
וואַרף דיך אויף אים מיט דיין אייזערנער רוט!
האַמער זעץ, האַמער שמיד א. א. וו.

ש. אַנ־סקי

די שבועה

ברידער און שוועסטער פון ארבעט און נויט
אלע, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט —
צוזאַמען! צוזאַמען! די פאָן איז גרייט!
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!
צו שבועה, צו שבועה — אויף לעבן און טויט!

היממל און ערד וועט אונז הערן,
עדות — די ליכטיקע שטערן!
א שבועה פון בלוט און א שבועה פון טרערן,
מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווערן!

מיר שווערן צו קעמפן פאר פרייהייט און רעכט
מיט אלע טיראַנען און זייערע קנעכט,
מיר שווערן באַזיגן די פינצטערע מאַכט,
אָדער מיט העלדנמוט צו פאַלן אין שלאַכט —
צו שבועה, צו שבועה — אויף לעבן און טויט!
היממל און ערד א. א. וו.

מיר שווערן צו פירן דעם הייליקן שטרייט,
ביז וואַנען די וועלט וועט נישט ווערן באַנייט;

קיין קבצן, קיין נגיד, קיין הער און קיין שקלאַף!
גלייך זאָלן ווערן — ווער שטאַרק איז און שוואַך —
צו שבועה, צו שבועה — אויף לעבן און טויט!
היםל און ערד א. א. וו.

. . . .
. . . .
. . . .
. . . .

מיר שווערן א טרייהייט אָן גרענעצן צום „בונד",
נאָר ער קאָן די שקלאַפן באַפרייען אַצונד;
זיין פאָן די רויטע איז הויך און איז ברייט:
מיר שווערן אַ טרייהייט אויף לעבן און טויט —
צו שבועה, צו שבועה — אויף לעבן און טויט!
הימל און ערד א. א. וו.

ש. אַנ—סקי

אין זאַלציקן ים

אין זאַלציקן ים פון די מענטשלעכע טרערן,
געפינט זיך א שרעקלעכער תהום,
ער קאָן שוין נישט טיפער, נישט פינצטערער ווערן
— אים צייכנט א בלוטיקער שטראָם...

דעם תהום האָבן טויזנטער יאָרן געגראָבן,
אמונה און שנאה און פיין,
און טויזנטער יאָרן אַלץ טראָפן נאָך טראָפן,
עס גיסן זיך טרערן אַריין,

די גבירישע קינדער, משכּילים, רבנים —
זיי רופן קיין ציון דעם ייד,
א לידל — אַן אַלטעס פון אונזערע שונאים:
א געטאָ דעם אייביקן זשיד!

זיי רופן און זוכן די קאַלטינקע מתים,
פון הייליקע קברים א לאַנד.
און דאָס, וואָס עס לייַדן און זיפצן הקדושים
— צו דעם איז מען טויב ווי די וואַנט!

דעם אַרבעטער װער־זשע װעט ענדלעך אויסלייזן,
פֿון הונגער און אייביקע לייד?
און װער װעט דעם װעג אים צו פרייהייט באַווייזן,
צו ברידערשאַפט, גלייכהייט און פרייד!

דער העלד װעט די װעלט אי באַפרייען, אי היילן,
ער דערגרייכט דעם תהום ביזן גרונד!
זאָל לעבן פֿון רוסלאַנד, פֿון ליטע און פּוילן
דער יידישער אַרבעטער־בונד!

יובל־הימן

(צום 30 יעריקן יובליי פון „בונד“)

דורך דורות פון קאמף און פלאמיקן גלות,
מיר קומען באגייסטערט, באוואָפנט מיט מוט.
מיט ליכטיקע פרייד פון פינצטערן גרונט
און ברענגען די טרייהייט צום הייליקן „בונד“.

הויך און העכער פלאטערט פענער!
שאלן זאָל דער קעמפער־כאָר
שטאָלץ און מעכטיק קלינגט איר, טענער!
דרייסיק יאָר! דרייסיק יאָר!

מיר קומען מיט פענער געהייליקט אין שלאכט,
מיר ברעכן די וועלט פון פינצטערער מאכט!
מיט מחנות געפרווטע אין קאמפן אָן צאָל.
מיט הענט פון מאָזאָליעס און ווילן — ווי שטאָל!
הויך און העכער פלאטערט פענער! א. א. וו.

מיר פלעכטן פון פיינען, פון שטרייטן, פון זיג,
פון קעפ די געפאלענע אין הייליקן קריג —
מיר שפינען פון ליכט, פון זוניקן גלאנץ
דעם מעכטיקן „בונד“ פון שטראלן א קראנץ.
הויך און העכער פלאטערט פענער! א. א. וו.

ה. אַרנאָלף

די יינגע גוואַרדיע

דעם מאָרגנרויט אנטקעגן,
ווען קוים די זון דערשיינט,
פאַרנעמען מיר די וועגן —
זאָל ציטערן דער פיינט.
פאָרויס, פאָרויס, מיט פעסטע טריט,
מיר צווייפלען נישט, מיר וואַרטן נישט,
ווייל מיר — די יינגע גוואַרדיע ⎫
פון פראָלעטאַריאַט ⎭ 2 מאָל

פון קינדווייז אָן מיר פילן
דעם יאָך פון שווערער נויט.
ווען קינדער דאַרפן שפילן,
מיר אַרבעטן אויף ברויט.
אין קייטן שווער די פיס געשמידט,
דאָך שטאַרק און שטאַרקער אונזער טריט,
ווייל מיר — די יינגע גוואַרדיע ⎫
פון פראָלעטאַריאַט ⎭ 2 מאָל

די נויט האָט אונז געצוווּנגען
דערקענען וואָס נישט גלייך:
מיר אַרבעטן אין הונגער,
צו מאַכן ווּעמען רייך.
דאַרום דיקטירט אונז דער פאַרשטאַנד:
דאָס רייכטום ליגט אין אונזער האַנט,

ווייל מיר — די יינגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט,) 2 מאָל

מיר שליסן אַלע אָרעמס
און פעסט איז אונזער בונד.
זאָל זיגן דער, וואָס אָרעם, —
און רייך זאָל גיין צו גרונד,
דאָס אַרבעט־פאָלק דערהויבט די שווערד
און ביז — דער פיינט פאַרניכטעט ווערט.
פאָרויס די יינגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט!
פאָרויס די יינגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט!

ליד פון „סקיף"

מיר זענען קינדער אַלע גלייכע
מיר שאַפן אַלע איין פאַריין.
נישטאָ קיין אָרעמע, קיין רייכע —
מיר בויען אונזער וועלט אַליין!
זאָלן לעבן די קינדער,
זאָלן וואַקסן ביז גרויס.
צו אַרבעט, צו בויען —
מיט לידער שפּאַנט פאָרויס!

דער טאַטע אַרבעט אין וואַרשטאַטן,
די מאַמע אַרבעט אין פאַבריק.
און מיר צוזאַמען מיט דעם טאַטן —
פאָרויס — קיין איינציק טריט צוריק!
שפּאַנט פאָרויס, ליבע קינדער,
אין דער צוקונפט אַריין —
שטאָלץ, דרייסט, פעסט און מוטיק
פאָרויס — לאָמיר גיין.

נעמט אַרבעטס-קינדער זיך צוזאַמען!
מאַרשירט געשלאָסן האַנט אין האַנט.
זייט שטאַרק ווי פעלזן און ווי שטאַמען —
זייט שטאַרק און שטאַרקט דעם סקיף-פאַרבאַנד!
זאָלן לעבן די קינדער, א. א. וו.

מ. סאָרעריוועס

צום ערשטן מאַי

וועמענס שטימע הער איך קלינגען:
נייע לידער זאָל מען זינגען!
אַל־דאָס־בייזע איז פאַרביי
מיט דעם ווינטער קאַלטן, לאַנגען...
רייך אין פאַרבן, רייך אין קלאַנגען,
קומט צוגיין דער ערשטער מאַי.

וועמענס שטימע הער איך קלינגען:
פרישע לידער זאָל מען זינגען!
ס'נעמט אַ סוף די שקלאַפעריי!
לויז די קלאַנגען, לויז די קייטן...
העל באַפוצט מיט פרישע קווייטן,
קומט צוגיין דער ערשטער מאַי.

וועמענס שטימע הער איך קלינגען:
הויך און מונטער זאָל מען זינגען!
זאָל זיך טראָגן פראַנק און פריי
אונזער ליד אין אַלע עקן...
צו אַ נייעם וועקן
קומט צוגיין דער ערשטער מאַי.

יוגנט־שבועה

בלאָנדזשע מער נישט אין דער פינצטער,
וואַנדער מער נישט אין דער נאַכט;
פריי און מונטער פאָרויס, ברודער,
ליכט און שווערד זאָל זיין דיין מאַכט!

נישט לאָז פון צווייפל זיך באַהערשן,
טויט דעם יאוש אין דיין ברוסט;
פריי, און מונטער פאָרויס, ברודער,
ס'וועט דער קאַמף נישט זיין אומזיסט!

ס'וועט אַ העלע זון באַשיינען
און באַשטראַלן גלייך די ערד;
נאָר ביז דאַן — זיי מוטיק ברודער,
נישט פאַרלאָז פון האַנט די שווערד!

זאָל דער וועג זיין פול מיט שטיינער,
שרעק זיך, יינגער ברודער, נישט!
פאַר דער פרייהייט מוז מען קעמפן
ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט.

קינדער פון מאָרגן

— העי! װוּ דאָרט הער איך אַ געשריי?
װער־זשע זענט איר דאָרטן צװיי?!
איר פאַרשײַטע, איר פאַרשמײַטע —
— װער־זשע זענט איר דאָרטן צװיי?!

— מיר זענען פון דעם מאָרגן,
זענען מיר,
צו אַ מאָרגן אָן אַ זאָרגן
גייען מיר,
איבער װעגן, איבער שטעגן
שװעבן מיר,
איבער װײַטע, גרינע פעלדער,
איבער ימען, איבער װעלדער,
שאַלן מיר —
קינדער פון דעם מאָרגן זענען מיר!

— העי! װוּ דאָרט הער איך אַ געשריי?
װער־זשע זענט איר דאָרטן צװיי?!
היצן, היצן, פײַער־שפּריצן —
— װער־זשע זענט איר דאָרטן צװיי?!

— מיר קומען פון דעם שמידער,
קומען מיר,

מיר פליען פון קאַוואַדלע,
פליען מיר,
היצן, היצן, פייער-שפּריצן
זענען מיר,
און מיר שמידן אויס דעם מאָרגן,
אָן אַ באָרגן אָן אַ זאָרגן
שמידן מיר —
קינדער פון דעם מאָרגן זענען מיר!

— העי! ווו דאָרט הער איך אַ געשריי?
ווער-זשע זענט איר דאָרטן צוויי?!
זינגער, זינגער, גלאָקן-קלינגער —
— ווער-זשע זענט איר דאָרטן צוויי?!

מיר רופן אין די גאַסן,
רופן מיר,
אין די גאַסן שטיפן, שפּאַסן
וועקן מיר,
זינגער, זינגער, גלאָקן-קלינגער
זענען מיר,
אין די גערטנער צווישן בייטן
בראַזשען מיר און זוכן קווייטן,
זוכן מיר —
קינדער פון דעם מאָרגן זענען מיר!

ד. עדעלשטאַט

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט.
און אַלעס דערפאַר, ווייל מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק.

מיר ווערן דערשאָסן, געהאָנגען,
מען רויבט אונז דאָס לעבן, דאָס רעכט.
דערפאַר, ווייל מיר אמת פאַרלאַנגען
און פרייהייט פאַר ליידנדיקע קנעכט.

טיראַנען, איר קאָנט אונז נישט טויטן —
דאָס איז אַן אומשטערבלעכע בלום!
די שמעקנדע, פלאַמענדע קווייטן —
זיי בליען שוין איצט אומעטום!

איר קאָנט אונז דערמאָרדן, טיראַנען!
נייע קעמפער וועט ברענגען די צייט.
מיר קעמפן, מיר קעמפן, ביז וואַנען
די וועלט וועט נישט ווערן באַפרייט!

מיר זענען שמידער

מיר זענען שמידער, עס קלאפט דער האמער,
ס'פליען פונקען אן א שיער.
טא הייבט-זשע העכער, דעם שטארקן האמער,
חייל ארבעטס-קינדער זענען מיר.

מיר זענען שמידער פון נייעם לעבן,
מיר שאפן גליק פאר יעדן לאנד.
און נישט אומזיסט איז אונזער שטרעבן,
פעסט האלט דעם האמער אונזער האנט.

און יעדער קלאפ שפאלט דורך די וואנט,
פארטרייבט דעם פיינט, פארטרייבט די נאכט.
און איבער שטעט און איבער לאנד —
דאס אויסגעמאטערט פאלק דערוואכט.

מיר שמידן-אויס א וועלט א נייע,
א נייע וועלט פאר גרויס און קליין.
פאר פרייהייט גייען מיר אין פייער —
אויף טויט און לעבן לאמיר גיין.

א. רייזען

מיר ברעכן די אייזערנע וואַנט

די אויגן — פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט;
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט;
מיר שטייען ביי אַ הויכער, געמויערטער וואַנט
מיט העק און מיט האַמערס, מיט אייזנס אין האַנט.
— מיר ברעכן, מיר ברעכן די אייזערנע וואַנט.

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרשטעלט אונז די וועגן צום לעבן, צום גליק,
פאַרשטעלט אונז די ליכטיקע זון, און זי מאַכט
פון פרייליכסטן טאָג אונז אַ טרויעריקע נאַכט —
— מיר ברעכן א. א. וו.

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין, צי אַ ציגל, טרעפט וועמען אין קאָפּ —
די איבעריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווייטער, מען לויפט נישט אַוועק —
מיר ברעכן א. א. וו.

די אַרבעט דאַרף דויערן — די אַרבעט איז שווער,
פאַרזאַמלט אייך, ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדער צולייגן פעסטער זיין האַנט!
מיר וועלן די הויכע, געמויערטע וואַנט — (2 מאָל)
— צעברעכן, צעברעכן די אייזערנע וואַנט!

ש. וואולמאַן

מיר שמידן

מיר שמידן און שמידן בייטאָג און ביינאַכט ;
די רינגען זיי ווערן אָן אויפהער געמאַכט ;
אָן אויפהער געשמידט און געפּיילט און געהאַמערט –
אַ רינג אין דעם צווייטן ווערט פלייסיק געקלאַמערט
— די גאָלדענע קייט...

מיר פלעכטן און פלעכטן און ווערן נישט מיד ;
דער גייסט און דער האַמער זיי זינגען דאָס ליד ;
מיר טאָרן נישט זאַמען – נאָר שמידן און פלעכטן,
מיר מוזן באַפרייען דעם היינט פון דעם נעכטן
— אָן אייביקע שפּיל...

דו ביסט פון דעם אייביקן לעבן דער שמיד ;
אַ שמידער ביים אייזן פון לעבן, וואָס גליט ;
טאָ שמיד-זשע די רינגען און פלעכט זיי אָן אויפהער –
די קייט מוז זיין פּאַרטיק – ס׳בלאָזט שוין דער שופר !
— ביסט נאָענט שוין צום ציל...

יחזקאלי

מאַרש

מיר זענען די קינדער, די יוגנט, די ריזן.
מיר פליען, ווי פיילן, מיר שלייבן — ווי שפּיזן.
טרעט־אָפּ, אַלטע! טרעט־אָפּ, שוואַכע!
מיר גייען, מיר גייען — מיר זענען שוין דאָ.

מיר קומען מיט קערפּער, מיט מעכטיקע זעלן.
מיר קומען מיט לויטערע גייסטיקע קוועלן.
טרעט־אָפּ א. א. וו.

מיר קומען מיט גבורה, מיט כּוח פון ימים.
מיר קומען מיט ליכט, מיט זוניקע פלאַמען.
טרעט־אָפּ א. א. וו.

מיר קומען צעוואַרפן, מיר קומען אויפשטעלן.
מיר קומען דאָס לעבן באַנייען, באַהעלן.
טרעט־אָפּ א. א וו.

הערט איר די טריט: ווי עס שפּרייזט, ווי עס רוישט?
עס גייט דאָרט די יוגנט — דאָס לעבן, וואָס ברויזט.
טרעט־אָפּ א. א. וו.

ד. עדעלשטאַט

אַרבעטער־פרויען

ארבעטער-פרויען, ליידנדע פרויען!
פרויען, וואָס שמאַכטן אין הויז און פאַבריק,
וואָס שטייט איר פון ווייטן? וואָס העלפט איר נישט בויען
דעם טעמפּל פון פרייהייט, פון מענטשלעכן גליק?

העלפט אונז טראָגן די פאָן, די רויטע,
פאָרויס, דורך שטורם, דורך פינצטערע נעכט!
העלפט אונז אמת און ליכט צו פאַרשפרייטן,
צווישן אומוויסנדע, עלנטע קנעכט!

העלפט אונז די וועלט פון איר שמוץ צו דערהייבן,
אָפּפערן אַלץ, וואָס אונז איז נאָר ליב,
קעמפן צוזאַמען, ווי מעכטיקע לייבן
פאַר פרייהייט, פאַר גלייכהייט, פאַר אונזער פּרינציפּ!

מ. ראָזענפעלד

מיר זענען פרייהייטס-סאָלדאַטן

מיר זענען סאָלדאַטן אין פרייהייטס-אַרמיי
און שטייען גאַנץ פעסט אין די רייען.
מיר קומען באַפרייען די וועלט פון איר וויי,
די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט באַפרייען,
באַגייסטערט מיט אמת, באַלאָדן מיט מאַכט,
מאַרשירן מיר קעגן האַרמאַטן.
מיר קומען אין זונשיין פאַרוואַנדלען די נאַכט,
מיר קומען ווי בראַווע סאָלדאַטן.

מיר האָבן דורך דורות געטראָגן די נויט,
און שטיל און געדולדיק געשוויגן.
עס האָט אונז דער רייכער געמאַטערט צום טויט
געטראָטן, געריבן ווי פליגן.
נו — קומען מיר זאָגן דעם מעכטיקן „האַלט!"
און וואַרפן אַ שרעק אויף דעם זאַטן...
מיר קומען צעשמעטערן די הערשאַפט פון גוואַלט,
מיר קומען ווי בראַווע סאָלדאַטן.

ד. עדעלשטאַט

וואַכט אויף!

ווילאַנג, אָ, ווילאַנג, וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן
און טראָגן די שענדלעכע קייט?
ווילאַנג וועט איר גלענצנדע רייכטימער שאַפן
פאַר דעם, וואָס באַרויבט אייער רעכט? (2 מאָל)

ווילאַנג וועט איר שטיין אייער רוקן געבויגן,
דערנידריקט, היימלאָז, פאַרשמאַכט?
ס׳טאָגט! וואַכט אויף! עפנט די אויגן!
דערקענט אייער אייגענע מאַכט! (2 מאָל)

פרעדיקט די פרייהייט און קאַמף-באַריקאַדן!
דערקלערט די טיראַנען אַ קריג!
מוט און אַנטשלאָסנקייט, בראַווע קאַמעראַדן,
וועלן אייך פירן צום זיג. (2 מאָל)

און אַלעם וועט לעבן, ליבן און בליען
אין פרייהייט גאָלדענעם מאַי.
ברידער, גענוג פאַר טיראַנען צו קניען!
שווערט אַז איר מוזט ווערן פריי! (2 מאָל)

יחזקאלי

צום 1־טן מאַי

מיט פּורפּור־רויטע בלומען, קווייטן,
לאָמיר זיך באַצירן.
מיט געזאַנג און פּויק, קלאַרנעטן, פלייטן
לאָמיר פריי מאַרשירן.
איבער שטעט און דערפער
דורך פאַרביי.
איבער פעלדער, וועלדער
פראַנק און פריי.
זאָל קלינגען, זינגען אויף דאָסניי:
לעבן זאָל דער ערשטער מאַי!

די פאָנען רויטע, פאַקל־פלאַמען,
לאָמיר אַרויסטראָגן,
העי, אַלטע און יונגע, אַלע צוזאַמען!
מאַרשירן־גיין אָן זאָרגן!
איבער שטעט א. א. וו.

מאַרש, מאַרש, מאַרש, מאַרש! טריט נאָך טריט
מוטיק אין די רייען.
פאָרווערטס, פאָרווערטס, מוטיק ציט
דאָס לעבן גיין באַנייען.
איבער שטעט א. א. וו.

א. רייזען

קירכן־גלאָקן

אַך, וואָס קלינגט איר, קירכן־גלאָקן!
הערט שוין אויף! געגוג געשראָקן
האָבן אייערע ווילדע טענער
אונזער אָרעמע וועלט!

איר דערמאָנט מיר יענע רוחות,
די קאַטוילישע מלוכות,
וועלכע האָבן עשאַפאָטן
הויכע אויפגעשטעלט!

אייערע טענער, רופן הענקער
צו מערטירן יעדן דענקער,
יענעם קאָפּ אראָפּצוהאַקן,
וועלכער בויגט זיך נישט!

אָ, איר ווילט די וועלט פאַרוויגן
מיט א שוואַרצן, טויטן ניגון
און פאַרדעקן מיט א מאַנטל
פון א יעזואיט!

כהאָב א נייעם גלאָק באַשאַפן,
צו דערוואַכן טויטע שקלאַפן —

גישט אין קירכען, — אין דער לופטן
הענג איך אים אַרויף!

גישט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
גאָר די וועלט אין אַלע עקן,
קלינגט ער מוטיק, רופט ער פריילעך:
שטייט צום לעבן אויף!

א. רייזען

הוליעט, הוליעט...

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן,
פריי באהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגן, ווארפט דיביימער,
טוט וואס אייך געפעלט!

טרייבט די פויגל פון די וועלדער
און פאריאָגט זיי פאָרט,
די, וואס קענען ווייט נישט פליען, —
טוט זיי אויפן אָרט!

רייסט די לאָדן פון די הייזלעך
שויבן ברעכט ארויס!
ברענט א ליכטל ערגעץ טונקל,
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט!
לאנג וועט דויערן דער ווינטער
זומער איז נאָך ווייט!..

לידער פון אַרבעט

ש. פרוג

אַ לויב־געזאַנג דער אַרבעט

א לויב־געזאַנג דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן — ליבנד און הייס!
געזונט זאָלן זיין די מאָזאָליעס,
דער שטערן, פון װעלכן עס גיסט זיך דער שוױיס) 2 מאָל

די פייל איז פון שטאָל: דער האַמער — פון אייזן;
גאַנץ איינפאַך געמאַכט און נישט איבעריק שיין.
מיט זיי אָבער מאַכט מען די שווערד און דעם פּאַנצער) 2 מאָל
און טאַקע די „הייליקע״ קרוינען אַליין.

דער סערפּ איז פון שטאָל, די סאָכע — פון אייזן;
קיין צירונג קיין גרויסע — זענען זיי נישט.
אין זיי אָבער ליגט אונזער קראַפט, אונזער לעבן,) 2 מאָל
אָן זיי איז אוממעגלעך קיין איינציקער טריט.

טאָ לויבט־זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן, ליבנד און הייס!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאָזאָליעס,) 2 מאָל
דער שטערן, פון װעלכן עס גיסט זיך דער שוױיס!

העי, אַרבעטן, אַרבעטן...

העי אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן נאָר,
אַז ליכטיק און ליכטיק זאָל ווערן,
אַזוי ווי עס אַרבעט שוין טויזנטער יאָר,
זוי ס'אַרבעט די זון מיט די שטערן.

פון הויך און צו הויך,
אונזער זינגען זאָל זיין,
פאַר גליק און פאַר ליכט — לאָמיר שווערן,
און גלייך אין דער צוקונפט — לאָמיר אריין.

און זאָל אונז שטערן באַווערן,
אַזוי אין אַ ענגער געשלאָסענער קייט,
מיר וועלן די ספקות צעשטערן
און מערן ס'זאָל זיך אין אַלץ אונזער פרייד.

און אַלץ פון די פריידן זאָל הערן,
זאָל הערן פון אַרבעט, פון אַרבעט מיט מוט,
און אַלץ זאָל דעם מענטשן געהערן,
אַזוי ווי עס רוט נישט אין אייביקן גלוט
איר אַרבעט די זון מיט די שטערן.

מ. ראָזענפעלד

די קוזשניע

אין דער קוזשניע, ביי דעם פייער,
שטייט אַ שמידער און ער שמידט.
ער קלאַפּט דאָס אייזן, פונקען פייער שפּריצן,
און ער זינגט דערביי אַ ליד.

פון דער פרייהייט, וואָס וועט קומען,
זינגט ער מוטיק, זינגט ער הייס, —
און ער פילט נישט, ווי עס רינען
פון זיין פּנים טייכן שווייס.

שטאַרק באַגייסטערט פון דער צוקונפט,
וואָס וועט קומען, זינגט דער שמיד.
אָפּגעקילט איז שוין דאָס אייזן,
און ער זינגט און ווערט נישט מיד.

און די ערד, באַצירט מיט בלומען,
שטעלט זיך פאַר אין זיין געדאַנק.
און אים דאַכט זיך, אַז די צייט וועט קומען
גאָר אינגיכן, שוין נישט לאַנג...

א. רייזען

העמערל

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוועק נאָך טשוועק!
קיין ברייט איז אין שטוב שוין נישטאָ,) 2 מאָל
נאָר צרות און לייד אָן אַן עק!)

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
עס שלאָגט שוין דער זייגער באַלד צוועלף —
די אויגן, זיי מאַכן זיך צו —) 2 מאָל
גיב כּוח, אָ גאָטעניו, העלף!..)

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך:
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זיין) 2 מאָל
דער גבירהטעס טאָכטערשעס שיך.)

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
נישט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס!
מיין איינציקער שפּייזער ביסטו,) 2 מאָל
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס!)

מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל...

מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל,
ניי איך מיר בכבוד גדול.
און אַז איך האָב אַ נאָדל מיט אַ פאָדים,
ניי איך מיר אויף די שענסטע בגדים.
מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל,
ניי איך מיר בכבוד גדול.
און אַז איך האָב אַ נאָדל מיט אַ פינגערהוט,
לעב איך מיר אָפּ מיין וועלט בארוט.
מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל,
ניי איך מיר בכבוד גדול.
אַבי איך נעם די שער און אייזן,
קאָן איך שוין מיין ווייב און קינד שפּייזן.
מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל,
ניי איך מיר בכבוד גדול.
איך פאַרלייג מיר אַ פיס אויף אַ פיס,
זינג מיר אַ לידעלע צוקער זיס.
מיט אַ נאָדל אָן אַ נאָדל,
ניי איך מיר בכבוד גדול.

זאָג מיר...

בין איך מיר אַ שניידערל (2 מאָל)
לעב איך מיר טאָג־איין, טאָג־אויס.
לוסטיק, פריילעך, פיין.

זאָג מיר, שניידערל, ליבינקער און גוטער:
גיט דיר די נאָדל גענוג אויף ברויט און פוטער?
— כ׳פארדין אַ וואָך אַ גילדן מיט אַ דרייער,
כ׳עס נאָר ברויט, ווייל פוטער איז צו טייער.

בין איך מיר אַ שוסטערל (2 מאָל)
לעב איך מיר טאָג־איין, טאָג־אויס.
לוסטיק, פריילעך, פיין.

זאָג מיר, שוסטערל, האָסטו וואָס צו קייען,
פעלט דיר אויסעט, האָסטו וווּ צו לייען?
— קיינער בארגט נישט, קיינער גיט קיין ערבות,
כ׳בין אַ שוסטער, גיי איך טאַקע באָרוועס.

ג. הערוועג

און דו אַקערסט, און דו זייסט

און דו אַקערסט, און דו זייסט,
און דו פּיטערסט, און דו נייסט,
און דו האַמערסט, און דו שפּינסט,
— זאָג מיין פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט?

גלין־גלאָן, גלין־גלאָן —
קלאַפּט דער האַמער מיט זיין געזאַנג!
גלין־גלאָן, גלין־גלאָן
צעריים די קייטן פון שקלאַף און צוואַנג!

וועבסט דיין וועבשטול טאָג און נאַכט,
גראָבסט אויס אייזן פון דער שאַכט,
ברענגסט די שפע אונז אַריין,
פול מיט תבואה און מיט וויין.
גלין־גלאָן, גלין־גלאָן א. א. וו.

נאָר ווו איז דיין טיש געגרייט?
וועלכעס איז דיין יום־טוב־קלייד?
אַך, ווו איז דיין שאַרפע שווערד?
וועלכעס גליק איז דיר באַשערט?
גלין־גלאָן, גלין־גלאָן א. א. וו.

שאַפסט אונז אוצרות אָן אַ שיער;
אַלצדינג — נאָר נישט פאַר דיר,
און פאַר זיך האָסטו אין נויט
נאָר געשמידט אַ שווערע קייט...
גלין-גלאָן, גלין-גלאָן א. אַ. וו.

מאַן פון אַרבעט, אויפגעוואַכט!
און דערקען דיין גרויסע מאַכט! —
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל!
גלין-גלאָן, גלין-גלאָן א. אַ. וו.

מ. קולבאַק

דער פעטער איטשע

ס'האָט דער פעטער איטשע
אויסגעלערנט שניידעריי, (2 מאָל)
מאַכט ער אַלטע סערמיענגעס,)
פּונקט ווי שפּאָגל נייע.) 2 מאָל

קומט דער פעטער אין א דאָרף
מיט זיין נאָדל־פּאָדעם, (2 מאָל)
הענגט אַרויס אַ וויוועסקע:)
דאָ פאַריכט מען בגדים) 2 מאָל

זיצט דער פעטער אויפן טיש
טערקיש תּמעוואַטע, (2 מאָל)
טרענט און ניטשעוועט און לייגט)
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.) 2 מאָל

אויסגעלאַטעוועט איין דאָרף,
גייט ער אין אַ צווייטן, (2 מאָל)
ביז ער לאָזט פון האַנט אַרויס)
אַ געגנט — אַ באַנייטן.) 2 מאָל

ס'האָט דער פעטער איטשע,
אויסגעלערנט שניידעריי, (2 מאָל)
מאַכט ער אַלטע סערמיענגעס,)
פּונקט ווי שפּאָגל נייע.) 2 מאָל

י. ל. פרץ

דריי נייטאָרינס

די אויגן רויט, די ליפּן בלוי,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויס,
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס —
עס זיצן דריי מיידלעך און נייען!

די נאָדל — בלאַנק, די לייוונט — שניי,
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי!
איך ניי ביי טאָג, איך ניי ביי נאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נאָך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס איך ניי?

נישט איך שלאָף און נישט איך עס,
איך וואָלט געגעבן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט:
אַן אַלמן כאָטש, אַן אַלטן ייד,
מיט קינדערלעך אַ שאָק!

די צווייטע טראַכט: איך ניי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס נאָר גראָע צעפּ!

דער קאָפּ — ער ברענט, די שלייף — זי האַק
און די מאַשין קלאַפּט צום טאַקט:
טאַ-טאַ, טאַ-טאַ, טאַ-טאַ!

איך פאַרשטיי דאָך יענעמס ווינק!
אָן אַ חופּה, אָן אַ רינג,
וואָלט געווען אַ שפּיל, אַ טאַנץ,
אַ ליבע אויף אַ יאָר אַ גאַנץ!
נאָך דערנאָך, דערנאָך?

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
איך ניי מיר קראַנק, איך ניי מיר ב[illegible]
עס צוויקט די ברוסט ביי [illegible]
און ער האָט חתונה די וואָך:
איך ווינטש אים נישט קיין שלעכטס!

עט, פאַרגעסן וואָס אַמאָל...
תּכריכים וועט מיר געבן קהל,
און אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!

איך בין אַ בעל־עגלה

איך בין אַ בעל־עגלה,
און איך אַרבעט אָן אַן עק,
איך שפּיל מיר אָפּ מײַן קלײנע ראָלע
און איך פֿאָר אַװעק.
אַװעקגעפֿאָרן, אַװעקגעפֿאָרן
אַ פֿולע בױד גנבים.
אײנער ש־ײט: פֿאָר שױן גיכער,
ס׳הײבט שױן אָן צו טאָגן!
װיאָ, װיאָ, װיאָ, װיאָ, װיאָ!

איך בין אַ בעל־עגלה
און איך אַרבעט אָן אַן עק,
איך שפּיל מיר אָפּ מײַן קלײנע ראָלע,
און איך פֿאָר אַװעק.
אַװעקגעפֿאָרן, אַװעקגעפֿאָרן,
אַ פֿולע בױד מיט װײַבער.
זײ גײגערן, זײ גײגערן,
אַ קלאָג צו זײערע לײַבער. 2 מאָל
װיאָ, װיאָ, װיאָ, װיאָ, װיאָ!

י. קאַצענעלזאָן

בעלי־מלאכות

בין איך מיר אַ שניידערל,
רופט מען מיך ר׳ גאָדל;
ציִ איך מיר אַזוי אַריין
אַ פאָדעם אין אַ נאָדל,
מאַך אין עק אַ קניפּעלע —
ניי און ניי כּסדר:
אָט אַזוי, אָט אַזוי
ניי איך מיר די קליידער!
טוריי־ריי, טוריי־ריי —
ניי איך מיר די קליידער!

בין איך מיר אַ שוסטערל.
רופט מען מיך ר׳ מיכל;
נעם איך מיר דעם נאָל
און שטעק אַריין אין שיכל.
ווערט אין זויל אַ לעבעלע—
שטעך איך אָן אַ טשוועקעלע:
אָט אַזוי, אָט אַזוי
קלאַפּ איך מיטן העקל,
קליפּ און קלאַפּ, קליפּ און קלאַפּ —
קלאַפּ איך מיטן העקל.

צין איך מיר אַ בעקערל
רופט מען מיך ר׳ לעמל;
קנייט איך מיר דאָס טייג גוט אויס
און שנייד די ברויט און זעמל.
לייג זיי אויף דער לאָפּעטע,
געשוואָלענע פון הייוון.
אָט אַזוי, אָט אַזוי
ריק איך זיי אין אויוון.
באַלד אַריין, באַלד אַרויס,
הין און צוריק פון אויוון.

טידל, טידל דאַם

בין איך מיר אַ שניידערל,
(קיין נאָדל קען איך נישט האַלטן אין דער האַנט),
שטעל איך מיר אַרויס אַ שילדערלע,
אַז איך פּרעס געוואַנט.
פרעגט, וואָס קען איך?
טידל, טידל דאַם,
אַז איך פּרעס,
פאַרברען איך,
טידל, טידל דאַם.
האָט נישט קיין פאַראיבל (2 מאָל)
טידל, טידל, טידל, טידל דאַם.

בין איך מיר אַ פידלערל,
(קיין פידל קען איך נישט האַלטן אין דער האַנט)
שטעל איך מיר אַרויס אַ שילדערלע:
באַרימטער מוזיקאַנט.
פרעגט, וואָס קען איך?
טידל, טידל דאַם.
שפּיל איך נישט — איז שענער
טידל, טידל דאַם.
האָט נישט קיין פאַראיבל (2 מאָל)
טידל, טידל, טידל, טידל דאַם.

בין איך מיר א קינסטלערל,
(קיין פענזעל קען איך נישט האלטן אין דער האנט)
שטעל איך מיר ארויס א שילדעלע:
אָט איז א טאלאנט!

פרעגט, וואָס קען איך?
טידל, טידל דאַם.
מאָל איך נישט — איז שענער
טידל, טידל דאַם.
האָט נישט קיין פּאראיבל (2 מאָל)
טידל, טידל, טידל, טידל דאַם.

לאָמיר אַלע פריילעך זיין

י. בראַנד

מיר זענען יינג

מיר זענען יינג, די וועלט איז אָפן.
אָ, דו ווייטע, שיינע וועלט!
יוגנט-בענקשאַפט, יוגנט-טרוימען
לאָקן אונז אין וואַלד און פעלד.
ברודער, הייב דעם קאָפּ אויף מונטער!
שטערן פינקלען מלא-חן.
הויב די בליקן, שטרעב אין וייטן:
מיר זענען יינג, און דאָס איז שיין. (2 מאָל)

פילסטו, ווי פון הינטער יענע וועלדער
רופט און רייצט אַ ווייטער קאַנט?
ציען לאָנקעס זיך און פעלדער
מיט בלומען — ניי און אומבאַקאַנט.
לאָמיר וואַנדערן אין ווייטן.
עס איז פריילעך הפקר-גיין.
ווען אין דער וועלט באַגלייטן:
מיר זענען יינג, און דאָס איז שיין. (2 מאָל)

מיט מזל-גליק! די זון וועט צינדן,
פלאַמען ליכט אין אונזער וועג.

ס'וועט איר לעצטער שטראַל פאַרשווינדן.
וועלן שטערן לייכטן אונז אין וועג.
ברודער, פּאַק דעם רוקזאַק שנעל,
אין מרחקים לאָמיר גיין!
רעגן, ווינט — ווער ווערט נתפּעל?
מיר זענען יונג, און דאָס איז שיין. (2 מאָל)

אָט איז דער יום־טוב

אָט איז דער יום־טוב שוין אָנגעקומען,
פון רויזן פלעכט־אויס אַ קראַנץ און טוט אָן:
זינגען און טאַנצן דאַרף מען צוזאַמען,
פאַרגעט אַלע דאגות לכבוד דעם טאָג.
קומט יינגעלעך און מיידלעך, קומט אַלע טאַנצן גיין! (2מאָל)
ווו יוגנט דאָרט איז פריילעך, ⎞
דאָרט לעבט שטענדיק פרייד! ⎠ 2 מאָל
דאָרט לעבט שטענדיק פרייד!

ליכטיק די זון שיינט, קוקט הויך פון הימל,
איר זעט — מיט אַ שמייכל קוקט זי אויף דער ערד;
עס דוכט זיך — באַשיינען וויל זי דעם יום־טוב,
און אַלע מאַכט זי לוסטיק און שמייכלט און קוועלט.
קומט יינגלעך און מיידלעך, קומט אַלע טאַנצן גיין! (2 מאָל)
ווי יוגנט דאָרט איז פריילעך, ⎞
דאָרט לעבט שטענדיק פרייד! ⎠ 2 מאָל
דאָרט לעבט שטענדיק פרייד!

ד. ראָדין

מאַרש־ליד

איינס, צוויי, דריי, פיר!
בראַווע יינגען זענען מיר!
אָט אַזוי און אָט אַזוי
גייען מיר אַ מייל און צוויי.

איינס, צוויי! איינס, צוויי!
ווי סאָלדאַטן אין אַ ריי!
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ...
בראַווע, שטאָלצע—הויך דעם קאָפּ.

מאַרש, מאַרש — נישט געטראַכט!
אונז דער וועג אַנטקעגן לאַכט;
און אַ ביימל פון דער זייט
שמייכלט: „שלום, בראַווע לייט!"

זינגט, זינגט, אונזער ליד,
ווי מיר ווערן קיינמאָל מיד.
זאָל דורך באַרג און זאָל דורך טאָל
הילכן פריילעך אונזער קול!

איינס, צוויי, דריי, פיר!
בראַווע יינגען זענען מיר!
אָט אַזוי און אָט אַזוי
גייען מיר אַ מייל און צוויי,

האָף, האָף...

האָף, האָף, האָף — נישט ווייט איז שוין דער פרילינג,
ס'וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען, —
נייע פייגל, נייע נעסטן, נייע לידער זינגען.

גלויב, גלויב — די נאַכט איז שוין פאַרשוווּנדן,
און די וואָלקנס אויך צערינען,
בלוי, בלוי וועט זיין דער הימל.

נייע שטערן, נייע זונען,
נייע פייגל, נייע בלומען — וועלן בליען, וואַקסן הויך,
עס וועט שיינען, שמעקן, זינגען און אין אונזער אויך.

לאָמיר אַלע אינאיינעם...

לאָמיר אַלע, אַלע אינאיינעם,
דעם — — — מקבל פנים זיין,
דעם — — — מקבל פנים זיין.
לאָמיר אַלע אינאיינעם,
לאָמיר אַלע אינאיינעם,
טרינקען אַ גלעזעלע וויין.

י. קאַצענעלזאָן

אונזער מאַרש

איינס און צוויי און דריי און פיר,
וואָס מיר זענען — זענען מיר!
כאָטש מיר זענען יונג און קליין,
ווי די העלדן דאַרף מען גיין!
אַ פוס לעם אַ פיסל,
און שטייפער אַביסל,
שטראָם, שטאָלץ און זיכער,
די קעפּלעך העכער!

כאָטש מיר זענען יונג און קליין,
ווי די העלדן דאַרף מען גיין!
וואָס מיר זענען — זענען מיר
איינס און צוויי און דריי און פיר.

פינף און זעקס און זיבן, און אַכט,
נישט געוויינט און נישט געלאַכט.
נישט געשטאַנען, נאָר נישט שטיין,
נישט געלאָפן, גיין, נאָר גיין!
מיר דאַרפן נישט פרעגן,
מיר וויסן די וועגן;
אין פריש גרינע פעלדער,
אין טונקעלע וועלדער!

ניש͏ט געשטאַנען, נאָר נישט שטיין,
נישט געלאָפֿן — גיין, נאָר גיין!
נישט געוויינט און נישט געלאַכט,
פֿינף און זעקס און זיבן, און אַכט!

ניין און צען און עלף און צוועלף,
טרעפֿסט אַ פֿויער — זאָג: גאָט-העלף!
טרעפֿסט אַ פֿויגל זאָג אים: פֿלי!
טרעפֿסט אַ בלימל — זאָג אים: בלי!
מאַרש, מאַרש, געגאַנגען,
מיט פֿויק און געזאַנגען
מיט פֿענער, איי פֿענער!
וואָס קען שוין זיין שענער!

טרעפֿסט אַ פֿויגל — זאָג אים: פֿלי!
טרעפֿסט אַ בלימל זאָג אים: בלי!
טרעפֿסט אַ פֿויער זאָג: גאָט־העלף!
ניין און צען און עלף און צוועלף.

ביי מיין פענצטער

בײ מײן פענצטער אין דעם גאָרטן, (2 מאָל)
וואַקסן בלומען אַלע סאָרטן. (2 מאָל)
קינדער, קומט די בלומען רײסן (2 מאָל)
אין אַ זומער־טאָג אַ הײסן. (2 מאָל)
זענען שטיפער ייִנגע געקומען, (2 מאָל)
אַלע בלומען צוגענומען. (2 מאָל)
זענען מיר אַהינגעלאָפן — (2 מאָל)
מער קײן בלומען נישט געטראָפן. (2 מאָל)

ביי מײַן רבין

בײַ מײַן רבין איז געווען אַ קעצעלע,
האָט מען עס געליבט.
האָט עס אויסגעלעקט די גאַנצע סמעטענע,
האָט מען עס דערשטיקט.
דערשטיקט — דערשטיקט עס ביזן טויט,
אויפגעשריבן אויף אַ ברעט:
— וואָס ?
— בײַ מײַן רבין א. א. וו. א. א. וו.

וואַנדער־ליד

דאָס פּעקעל אויף די פּלייצעס,
דעם שטעקן — אין דער האַנט,
אַזוי גיי איך און וואַנדער
אום זומער איבער לאַנד.

אַזוי גיי איך און וואַנדער
און ווער קיינמאָל נישט מיד,
אַזוי גיי איך און וואַנדער
און זינג דערביי אַ ליד.

אין וואַלד איז מיין געלעגער,
אין שאָטן פון אַ בוים,
די פייגעלעכס געזאַנגען
פאַרוויגן מיך אין טרוים.

איך שלאָף זיך אויס
און ווידער נעם דעם שטעקן אין דער האַנט,
אַזוי גיי איך און וואַנדער
אום זומער איבער לאַנד.

לאָמיר אַלע פריילעך זיין

לאָמיר אַלע אינאײנעם, אינאײנעם
נישט שעמען זיך פאַר קײנעם,
נישט שעמען זיך פאַר קײנעם,
לאָמיר אַלע אינאײנעם פריילעך זיין,
לאָמיר אַלע פריילעך זיין,
לוסטיק זיין, ניכטער זיין
הוליען ביזן העלן טאָג אַרײן!
א. א. ו. א. א. יו.

מיכאַלקע

האָב איך מיר אַ מיכאַלקע, אַ מיכאַלקע
ווינט ער אויף דער לאַנגער גאַס (2 מאָל)
מאַכט ער מיר וואָס ער וויל,
מאַכט ער מיר וואָס איך דאַרף.
מאַכט ער מיר אַ פּייפעלע, אַ פּייפעלע,
דאָס פּייפעלע פּייפט אַזוי:
פּיו, פּיו, פּיו, פּיו, פּיו, פּיו —
דאָס איז דאָס פּייפעלע.

האָב איך מיר אַ מיכאַלקע, אַ מיכאַלקע א.א.וו.
מאַכט ער מיר אַ טראָמפּקעלע, אַ טראָמפּקעלע,
דאָס טראָמפּקעלע טראָמפּט אַזוי:
טרו, טרו, טרו, טרו, טרו, טרו —
דאָס איז דאָס טראָמפּקעלע.
פּיו, פּיו, פּיו, פּיו, פּיו, פּיו —
דאָס איז דאָס פּייפעלע.

האָב איך מיר אַ מיכאַלקע, אַ מיכאַלקע א.א.וו.
מאַכט ער מיר אַ פּייקעלע, אַ פּייקעלע,
דאָס פּייקעלע פּייקט אַזוי:
טרבאָם-באָם-באָם, טרבאָם-באָם-באָם —

דאָס איז דאָס פּיקעלע.
טרו, טרו, טרו, טרו, טרו, טרו —
דאָס איז דאָס טראָמפּקעלע.
פּיו, פּיו, פּיו, פּיו, פּיו —
דאָס איז דאָס פּייפּעלע.

האָב איך מיר אַ מיכאַלקע, אַ מיכאַלקע א.א.וו.
מאַכט ער מיר אַ צימבעלע, אַ צימבעלע,
דאָס צימבעלע צימבלט אַזוי:
צים־בים־בים, צים־בים־בים —
דאָס איז דאָס צימבעלע.
טרבאָם־באָם־באָם, טרבאָם־באָם־באָם —
דאָס איז דאָס פּייקעלע.
טרו, טרו, טרו, טרו, טרו, טרו —
דאָס איז דאָס טראָמפּקעלע.
פּיו, פּיו, פּיו, פּיו, פּיו —
דאָס איז דאָס פּייפּעלע.

האָב איך מיר אַ מיכאַלקע, אַ מיכאַלקע א.א.וו.
מאַכט ער מיר אַ פֿידעלע, אַ פֿידעלע,
דאָס פֿידעלע פֿידלט אַזוי:
טידל־טידל־טידל, טידל־טידל־טידל —
דאָס איז דאָס פֿידעלע.
צים־בים־בים, צים־בים־בים —
דאָס איז דאָס צימבעלע.
טרבאָם־באָם־באָם, טרבאָם־באָם־באָם —

דאָס איז דאָס פּייקעלע.
טרוּ, טרוּ, טרוּ, טרוּ, טרוּ —
דאָס איז דאָס טראָמפּקעלע.
פּיו, פּיו, פּיו, פּיו, פּיו —
דאָס איז דאָס פּייפּעלע.

מ. בראָדערזאָן

בלומען

פעלדער גרינען, וועלדער רוישן,
גייען מיר מיט פולע קוישן
בלומען אָן א שיער...
גייען מיר ארומגענומען,
און באקראנצט מיט פרישע בלומען,
— אין דעם בונטן ציר.

זינגען, שפרינגען מיר און טאנצן,
און פון גליק די אויגן גלאנצן,
— בלומענדיק און ריין ;
ווער באקראנצט וויל זיין מיט בלומען,
זאָל צו אונז, צו אונז זאָל קומען —
— קומען זאָל צו גיין !

מירן אָפּגעבן אינגאנצן,
און אין פעלדער ווייטער טאנצן,
— לאָזן ווייט זיך גיין ;
לאָזן גיין זיך גיך, געשווינדער,
ווייל מיר זענען אלע קינדער
— בלימעלעך אליין !

הײ, איר ברידער, שװעסטער, פרײלעך!
װי שולמית, שלמה המלך
קומט אויף בלום־שפּאַציר...
פעלדער גרינען, װעלדער רױשן —
גײען מיר מיט פולע קױשן
בלומען אָן אַ שיעור! —

דער קאַנאַרעק

עס טרילערט דער קאַנאַרעק
אין פרייען פעלד אַליין.
ווער קאָן זיין שמחה פילן,
ווער קאָן זיין פרייד פאַרשטיין?

עס טרילערט דער קאַנאַרעק
אין רייכסטן פּאַלאַץ שיין.
ווער קאָן זיין ווייטאָק פילן,
ווער קאָן זיין שמערץ פאַרשטיין?

אַ וואַנדער־ליד

ס'ליגט דער פרימאָרגן
אין מזרח פאַרבאָרגן.
און פרײלעך — אָן זאָרגן:
שוין שטײען מיר גרײט.

באַלד מײדן מיר פעלדער,
באַלד מײדן מיר וועלדער,
אויף וועגן, אויף שטעגן
שוין בלאָזט דער טרומײט.

דער טאָג ווערט אַלץ העלער,
די זון שטײגט אַלץ העכער.
מיר שפּרײזן אָן אויפהער,
ביז ס'פאַלט צו די נאַכט.

באַלד פלאַקערט אַ פײער
פון טרוקענע צווײגן.
מיר רוען אַרום אים,
גערויטלט פון פלאַם.
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ

יעגער־ליד

ווי ס׳ווערט נאָר באַגינען, די פּאַסטעכלעך שפּילן,
די הינטעלעך בילן, די זון גיט אַ בלאַנק,
אַ העזל, אַ פּיקסל, אַ סאַרנע, אַ ביבער —
ווער פלינק איז, יאָגט איבער אַ האָפּ און אַ פאַל.

און ווי ס׳ווערט נאָר טונקל, אַ היים גלייך מיט לידער,
באַגינען גלייך ווידער, ווי ס׳ווערט נאָר אַ בלאַנק,
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—
לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ— לאַ—לאַ—לאַ.

י. אָדלער

זכרונות

אַ שיינער טאָג, אַ פרילינגס־טאָג,
וואַכט אויף אין מיין זכרון.
אַ שיינער טאָג, אַ גאָלדענער
פון מיינע קינדער־יאָרן.
2 מאָל

איך שטיף אין אונזער גערטעלע,
די ווינשל־בוימער בליען.
עס פלאַמען מיינע בעקעלעך,
די אויגעלעך — זיי גליען.
2 מאָל

עס זאָגט מיר אָן די מאַמעשי,
איך זאָל זיך נישט פארגעסן,
און ווען די זון וועט אונטערגיין,
דאַן זאָל איך קומען עסן.
2 מאָל

דער טאַטע הערט זיך איין און קוועלט,
און גיט דערביי אַ שמייכל,
און זאָגט מיר אָן: „למען השם"
פארקריך נישט ווייט אין טייכל.
2 מאָל

ס'איז נישטאָ קיין נעכטן

ס'איז שוין נישטאָ קיין נעכטן,
ס'איז נאָך נישטאָ דער מאָרגן,
איז נאָך פאַרבליבן אַ פּיצעלע היינט,
שטערט דאָס נישט מיט זאָרגן!

כאַפּט אַריין אַ שנעפּסל,
כּל־זמן איר זענט בײַם לעבן,
איה"ש אויף יענער וועלט
וועט מען אייך נישט געבן!

מיר זענען ניכטער...

מיר זענען ניכטער,
מיר זענען גיכטער,
טרוקן איז ביי אונז אין האַלז!
גיט אַביסל משקה,
טאַקע פון דער פלאַשקע —
וועלן מיר אייך זינגען ב״א״ל״ד.

איך האָב אַ פּראַק

איך האָב אַ פראַק פון אַלט-פרענקישן טוך
טראַ־די־די־ריסאַ—באָם.
אין דערהיים איז נישטאָ קיין פיצעלע טוך
טראַ־די־די־ריסאַ—באָם.
איינמאָל האָב איך מיר פאַרטראַכט,
און האָב פון פראַק אַ פאָר הויזן געמאַכט
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־
איינס־צוויי־דריי.

איך האָב אַ פראַק א. אַ ו.
איינמאָל האָב איך מיר פאַרטראַכט,
און האָב פון די הויזן אַ וועסטל געמאַכט א. א. ה.

איך האָב אַ פראַק אַ. אַ. ו.
איינמאָל האָב איך מיר פאַרטראַכט,
און האָב פון דעם וועסטל אַ היטל געמאַכט א. א. ו.

און האָב אַ פראַק א. אַ. ו.
איינמאָל האָב איך מיר פאַרטראַכט,
איך האָב פון היטל אַ הענטשקע געמאַכט א. א. ו.

איך האָב אַ פראַק א. אַ. וו.
איינמאָל האָב איך מיר פאַרטראַכט
און האָב פון דער הענטשקע אַ הענגער געמאַכט א. א. וו.

איך האָב אַ פראַק א. אַ. וו.
איינמאָל האָב איך מיר פאַרטראַכט,
און האָב פון הענגער אַ פּעטלע געמאַכט א. א. וו.

איך האָב אַ פראַק א. א. וו.
איינמאָל האָב איך מיר פאַרטראַכט,
און האָב פון דער פּעטלע אַ גאָרנישט געמאַכט א. א. וו.

איך האָב אַ פראַק א. א. וו.
איינמאָל האָב איך מיר פאַרטראַכט,
און האָב פון גאָרנישט אַ — גאָרנישט געמאַכט א. א. וו.

אַוועק די יינגע יאָרן

אויפן באַרג, איבערן באַרג,
פליען טויבן-פּאָרן (2 מאָל)
איך האָב גאָר קיין נחת נישט געהאַט
ס'זענען אַוועק מיינע יינגע יאָרן. } 2 מאָל

שפּאַנט-זשע מיר, ברידער,
די שוואַרצע קאַרע פערד,
און לאָמיר לויפן, פאָרן. (2 מאָל)
אפשר וועל איך נאָך קענען אומקערן
מיינע יינגע יאָרן. } 2 מאָל

כ'האָב באַגעגנט מיינע יינגע יאָרן
אויף דעם ברייטן בריק. (2 מאָל)
יאָרן, יאָרן קערט זיך אום
כאָטש אין געסט צוריק! } 2 מאל

ניין, ניין, ניין, מיר ווילן נישט גיין,
ס'איז נישטאָ צו וועמען:
האָסטו געזאָלט יינגערהייט
אונז נישט פאַרשעמען... } 2 מאָל

מ. קולבאַק

כ׳בין אַ בחור — אַ הולטאַי

כ׳בין אַ בחור — אַ הולטאַי,
האָב איך מיר אַ שטעקן,
טריי־ריי־ריי־ריי־ריי־ריי־ריי
— כ׳שפּאַן אין אַלע עקן, (2 מאָל)

קום איך צו אַ ברונעם צו,
טרינק זיך אָן מיט וואַסער,
שטיי איך אינם מאָרגנגרוי,
ווי אַ האָן אַ נאַסער, (2 מאָל)

קום איך צו אַ קרעטשמע צו,
קלאַפּ איך אָן אין טויער.
ווער ביסטו? ווער ביסטו?
ענטפער איך — אַ גייער. (2 מאָל)

— ליידיקגייער, אַזוי פרי;
חוצפּהניק פאַרשייטער!
טראַ־ראַ־ראַ־ראַ, טראַ־ראַ־ראַ
— און איך גיי מיר ווייטער. (2 מאָל)

פאָרט אַ פויערל פאַרביי:
— צאָ טשוואַטש נאַ שוויעטשע?
זיים איך נישט און גיב אַ בריי:
— שוועטשע? — פּעטשע מעטשע! (2 מאָל)

יאָרן דריי, שפּראַכן פיר

אַ קינד איז דאָס אַ גאָלדענעס,
שפּילט זיך פראַנק און פריי.
וואָס פאַרא דאגות האָט עס דען,
אַז יאָרן האָט עס דריי?

אַ צרה מיט די שפּראַכן נאָר,
שפּראַכן אָן אַ שיעור,
יאָרן האָט דאָס קינד נאָר דריי,
שפּראַכן האָט עס פיר!

די מאַמע איז אַ רוסישע,
פון ליטווישן געמיינט,
רעדט זי מיט אים רוסיש נאָר,
זי איז אַזוי געוווינט.

די באָבע איז אַ יידישע,
און רעדט מיט אים זשאַרגאָן,
מוז דאָס קינד נאָכפּלאַפּלען
„גוט מאָרגן" אויף איר טאָן.

די ניאַניע איז אַ פּוילישע,
ווי קען דען אַנדערש זיין?

מוז דאָס קינד זיך לערנען:
אויף פוילישׁ העפלעך זיין.

דער טאַטע איז אַ ציוניסט,
און האַלט פון אחד־העם,
מוז דאָס קינד זיך מאַטערן,
און נאָכזאָגן: „שלום“

י. האָכבערג

דריי יינגעלעך

די מאַמע האָט דריי יינגעלעך,
דריי יינגעלעך געהאַט,
דריי שיינע, קליינע יינגעלעך —
ס'איז גאָר אַ פּראַכט.
האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע — חיים שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן —
מען זאָל אים קויפן שיך...
איך האָב אייך אָפּגענאַרט,
איך האָב געמיינט, איר ווייסט!
דאָס דריטע קליינע יינגעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך!

די מאַמע האָט דריי ניסעלעך,
פון יאַריד געבראַכט,
דריי גוטע, פעטע ניסעלעך —
דריי ניסעלעך אַ פּראַכט.
איז איינס געווען פאַר בערעלען,
און איינס פאַר חיים-שמערעל'ן,
און גאָר דאָס בעסטע ניסל —
האָט זי געלאָזט פאַר זיך.

איר וווּנדערט זיך אַביסל,
פאַרוואָס נישט מיר אַ ניסל?
— ווייל ניסן, ניסן, ניסעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך!

מ. בראָדערזאָן

ציפּהלע

עס האָט די קליינע ציפּה׳לע
פאַרביסן זיך אַ ליפּעלע..
אָי, ציפּעלע, וואָס וויינסטו!
אַן עפּעלע — דאָס מיינסטו?
— אָי, ניין, ניין, ניין —
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין?...

עס האָט די קליינע ציפּה׳לע
פאַרקניפּט דאָס מויל — אַ קניפּעלע...
אָי, ציפּה׳לע, וואָס וויינסטו —
צוויי עפּעלעך — דאָס מיינסטו?
אָי, ניין, ניין, ניין —
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין?

און ס׳טרייסלט זיך איר קעפּעלע
צוזאַמען מיט איר צעפּעלע.
אָי, ציפּה׳לע וואָס וויינסטו —
דריי עפּעלעך — דאָס מיינסטו?
— אָי, ניין, ניין, ניין!
איך וויל אַ קוש — נישט מיין!

שרהלע איז אין וואַלד אַוועק

שרהלע איז אין וואַלד אַוועק, וועק, וועק, וועק,
קלויבן בלומען צום בוקעט, קעט, קעט,
אין וואלד אַ ווינטל בלאָזט זיך קיל, קיל, קיל,
אַרום די ביימער שטייען שטיל, שטיל, שטיל.

עס הערט זיך נאָר פון ערגעץ ווייט, ווייט, ווייט,
אַ קוקאַווקעלע וואָס שרייט, שרייט, שרייט,
עס ווענדט זיך שרהלע צו איר, איר, איר,
אַ בקשהלע צו דיר, דיר, דיר.

זאָגזשע פייגעלע מיר אויס, אויס, אויס,
נאָר דעם אמת זאָג מיר אויס, אויס, אויס,
זאָגזשע פייגעלע, דו מיין, מיין, מיין,
וויפל וועט מיין לעבן זיין, זיין, זיין.

ס׳הערט דאָס פייגעלע זיך צו, צו, צו,
הייבט־אָן זינגען איר קו־קו־קו־קו־קו־קו,
צוואָנציק, דרייסיק, הונדערט יאָר, יאָר, יאָר,
אַ דאַנק דיר פייגעלע ביז גאָר, גאָר, גאָר.

היינט האָט חתונה אונזער קאַץ

טראַ־טאַ־טאַ און פּיטש־פּיטש־פּאַטש,
היינט האָט חתונה אונזער קאַץ —
אונזער שיינע, ווייסע מירקע,
מיטן גראָען קאָטער סירקע,
לכבוד חתן-כלה
זענען געקומען אַלע.
נישט געקוקט אויף די גרויסע פּרעסט,
זענען געקומען אַלע געסט.
פֿאַרן קאָטער האָט מען מורא,
מען זאָגט ער איז אַ גוטע סחורה
אַ גרויסער עם-הארץ:
און דערצו אַ גרויסער פּריץ.
איז טראַ־טאַ־טאַ און פּיטש־פּיטש־פּאַטש) 2 מאָל
היינט האָט חתונה אונזער קאַץ.)

פֿון אַלע גאַסן און הויפֿן,
איז מען געקומען צולויפֿן.
אַן אָקס, אַ ביק,
אַ שעפּס, אַ ציג,
אַ גאַנז, אַ קאַטשקע,
און אַ פֿליג,
דער חזיר מיט צוויי קינדער,
די בהמה מיט זעקס קינדער,

די הין איז געקומען מיט די הינדעלעך,
זשומשקע מיט צוויי קינדערלעך,
דעם בלינדן הינטל ראבקע
האָט מען געבראכט פאר א לאפקע.
אפילו די גרויע מייזלעך
זענען ארויס פון די הייזלעך.
איז טרא־טא־טא און פיטש־פיטש־פאטש) 2 מאָל
היינט האָט חתונה אונזער קאַץ.)

דערנאָך זענען געקומען דריי גרילן
און גענומען פידל שפילן.
דער חתן האָט געגעבן מיט די אויגעלעך א גלאנץ,
און מיט דער כלה א כשר־טאנץ.
און אז אלע האָבן זיך געזעצט אויף די ערטער,
האָט דער חתן געזאָגט די ווערטער:
— טייערע, ליבע, מיינע געסט,
טאנצט, הוליעט, טרינקט און עסט!
די שמחה איז ביי אונז א גרויסע!
לאָמיר ברידער מאכן א כוסה!
און אז מען האָט געענדיקט עסן,
האָבן אלע גענומען זינגען.
טרא־טא־טא און פיטש־פיטש־פאטש,) 2 מאָל
היינט האָט חתונה אונזער קאַץ.)

פּאַריאַ

לוסטיק איז דאָס ציגיינער־לעבן —
פּ אַ ר י אַ.
מען דאַרף דעם קיסר קיין צינזן געבן —
פּ אַ ר י אַ.
לוסטיק איז דאָס אין גרינעם וואַלד,
דאָרט זינגט דער ציגיינער באַלד.
פּאַריאַ, פּאַריאַ, פּאַריאַ, פּאַריאַ — פּ־אַ־ר־י־אַ.
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ
פּאַריאַ, פּאַריאַ, פּאַריאַ, פּאַריאַ, פּ־אַ־ר־י־אַ

ווילסטו, שיין מיידל, טאַבאַק רויכערן —
פּ אַ ר י אַ.
דאַרפסט קיין טאַבאַק אין פּייקע קויפן —
פּ אַ ר י אַ.
שטעק די האַנט אין טאַש אַריין,
ועט שוין טאַבאַק אין פּייקע זיין.
פּאַריאַ, פּאַריאַ, פּאַריאַ, פּאַריאַ — פּ־אַ־ר־י־אַ.
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ
פּאַריאַ, פּאַריאַ, פּאַריאַ, פּאַריאַ פּ־אַ־ר־י־אַ.

ווילסטו, שיין מיידל, יינגלעך קושן —
פּ אַ ר י אַ.
מוז זיין רויק דיין געוויסן —
פּ אַ ר י אַ

רוף זיי נאָר אין גרינעם וואַלד,
דאָרט וועסטו קושן באַלד!
פאַריאַ, פאַריאַ, פאַריאַ, פאַריאַ, פ־אַ־ר־י־אַ.
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ
פאַריאַ, פאַריאַ, פאַריאַ, פאַריאַ, פ־אַ־ר־י־אַ...

שפיל ציגיינער...

שפּיל, ציגיינער, מיר אַ לידל,
גרינע בלעטער אויפן פידל!
דיל־דאַם, דיל־די, דיל־דיל־דאַם, דיל־די, דיל־דיל־דאַם.

שפּיל זשע, שפּיל אַ גאַנצע נאַכט!
נאָר געשפּרט און נישט געטראַכט!
דיל־דאַם א. א. וו.

גרינע בלעטער, ברענט אַ שטערן,
באַלד וועט ער פאַרלאָשן ווערן.
דיל־דאַם א. אַ. וו.

פאַלט אַ שטערן אָדער צוויי,
און דאָס הארץ גייט אוים פאַר ווײ.
דיל־דאַם א. אַ. וו.

גרינע בלעטער, אַלץ וואָס שיין
אין דער ערד דאָס מוז פאַרגיין.
דיל־דאַם א. אַ. וו.

נאָך אַמאָל דאָס אַלטע לידל:
גרינע בלעטער אויפן פידל!
דיל־דאַם א. אַ. וו.

גרינע בלעטער, שווארצע טויבן,
וואָס געהאַט — האָב איך פאַרלוירן.
דיל־דאַם א. אַ. וו.

נאַכט, און ווינט, און פעלד, און רעגן,
צו וואָס רעדן, צו וואָס פרעגן.
דיל־דאַם א. אַ. וו.

וואָס געווען און וואָס וועט זיין,
רויט איז בלוט, רויט איז ווייַן.
דיל־דאַם א. אַ. וו.

שפּיל, ציגיינער, מיר געשווינד,
בלוט איז שטורם, טרערן — ווינט.
דיל־דאַם א. אַ. וו.

נאָך אַמאָל דאָס אַלטע לידל:
גרינע בלעטער אויפן פידל!
דיל־דאַם א אַ. וו.

אָ, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן

אָ, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן
אויף לעבן און טויט א פארבאנד,
מיר שטייען אין שלאכט ווי גענאָסן,
די פאָן, די רויטע אין האנט.

טרעפט דיך א קויל, מיין געטרייער,
א קויל פון דעם שונא, דעם הונט,
דאן נעם איך דיך ארויס פון דעם פייער,
און היילן דיר מיט קושן דיין וווּנד.

ביסטו געפאלן א טויטער,
די אויגן, די ליבע פארמאכט,
דאן וויקל איך דיך אין דער פאָן, דער רויטער
און פאלן צוזאמען אין שלאכט.

ווייל, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן
אויף לעבן און טויט א פארבאנד,
מיר שטייען אין שלאכט ווי גענאָסן,
די פאָן, די רויטע אין האנט.

ד. עדעלשטאַט

מיין צוואה

אָ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט-צו מיין קבר אונזער פאָן!
די פרייע פאָן מיט רויטע פאַרבן, ⎫
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן! ⎭ 2 מאָל

אויך אין מיין קבר וועל איך הערן
דאָס פרייהייטס-ליד, מיין שטורם-ליד.
אויך דאָרטן וועל איך פאַרגיסן טרערן ⎫
פאַר דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און ייד! ⎭ 2 מאָל

טרויער־מאַרש

מיט בלייכן שיין (2 מאָל)
צאַנקט אויף דאָס יאָרצייט־פייער,
און עלנט קלינגט
דאָס שטילע יזכור־ליד.

א זיסן שלאָף דיר,
איינציקער, געטרייער,
דו, אונזער, גרויסער מענטש
און גרויסער ייד!
(2 מאָל)

דו האָסט די פולע
שנייען פון די וועגן,
דעם שימל פון די
הערצער אָפגעשווענקט
גרויסער מענטש! גרויסער ייד!

זאָגט נישט, זאָגט נישט, אז ער איז טויט.
ניין, ער לעבט, ער לעבט, ער לעבט!
צעבראָכן, צעבראָכן איז דאָס הארץ,
עס וויינט, עס וויינט נאָך דער אקאָרד!
צעבראָכן דער אלטאר.
דאָס פייער ברענט נאָך,
דאָס פייער ברענט נאָך פאָרט!

ב. וואַרשאַווסקי

נאָכן אָרון

שטיל זיך באַוועגן געריייעטע מאַסן,
ס׳פּלאַטערן פענער געהילטע אין קרעפּ;
ס׳ציט זיך אַ טרויעריקער צוג איבער גאַסן,
טויזנטער בויגן די קעפּ.

בלומיקע קראַנצן, רויט־זיידענע בענדער,
טראָגן מיט ערפורכט מאָזאָלעטע הענט.
ברידער! מיר האָבן אין אומגליק אין גרויסן
הייליקע ליבע דערקענט.

טויט האָט דעם בעסטן פון אונז אויסגעריסן — —
צער מיר דערשטיקן, מיט ליפּן פאַרביסן;
ליפּן פאַרביסענע, ווען ס׳בלוטיקט די ווונד;
גייען מיר ווייטער דעם קאַמף־וועג, דעם שווערן,
גייען מיר זיבער און טרייהייט מיר שווערן,
טרייהייט צום „בונד“.

דרימלענדע כוחות פאַנאַנדערגעבונדן,
צווייפלער מיט גליענדן גלויבן געצונדן —
גייען מיר דרייסט
פייער אין אונזערע הערצער פאַרבאָרגן,
ס׳וואָרט דיינס אונז קרעפטיקט. צום ליכטיקן מאָרגן
לייכט אונז דיין גייסט.

צונצעטל:

1. *פרייהייט־לידער*	זייט

1. דער אינטערנאציאָנאַל — 5
2. די רויטע פאָן — 7
3. אויף באַריקאַדן — 9
4. די שבועה — 11
5. אין זאַלציקן ים — 13
6. יובל־הימן — 15
7. די יונגע גוואַרדיע — 16
8. ליד פון „סקיף“ — 18
9. צום ערשטן מאַי — 19
10. די יוגנט־שבועה — 20
11. קינדער פון מאָרגן — 21
12. מיר ווערן געהאַסט און געטריבן — 23
13. מיר זענען שמידער — 24
14. מיר ברעכן די אייזערנע וואַנט — 25
15. מיר שמידן — 26
16. מאַרש — 27
17. אַרבעטער־פּראָיען — 28
18. מיר זענען פרייהייט־סאָלדאַטן — 29
19. וואַכט־אויף! — 30
20. צום 1־טן מאַי — 31
21. קירכן־גלאָקן — 32
22. הוליעט, הוליעט — 34

II. לידער פון אַרבעט

		זייט
1.	א לויב־געזאַנג דער אַרבעט	35
2.	העי, אַרבעטן, אַרבעטן	36
3.	די קוזשניע	37
4.	העמערל	38
5.	מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל	39
6.	זאָג מיר	40
7.	און דו אַקערסט, און דו זעסט	41
8.	דער פעטער איטשע	43
9.	דריי נייטאָרינס	44
10.	איך בין אַ בעל־עגלה	46
11.	בעל־מלאכות	47
12.	טידל־טידל־דאַם	49

III. לאָמיר אַלע פריילעך זיין

1.	מיר זענען יונג	51
2.	אָט איז דער יום־טוב	53
3.	מאַרש־ליד	54
4.	האָפּ, האָפּ	55
5.	לאָמיר אַלע אינאיינעם	56
6.	אונזער מאַרש	57
7.	ביי מיין פענצטער	59
8.	ביי מיין רבין	60
9.	וואַנדער־ליד	61
10.	לאָמיר אַלע פריילעך זיין	62
11.	מיכאַלקע	63
12.	בלומען	66
13.	דער קאַנאַרעק	68
14.	וואַנדער־ליד	69
15.	יעגער־ליד	70
16.	זכרונות	71

זייט

17. ס'איז נישטאָ קיין נעכטן	72
18. מיר זענען ניכטער	73
19. איך האָב אַ פּראַק	74
20. אַוועק די יונגע יאָרן	76
21. כ'בין אַ בחור — אַ הולטאַי	77
22. יאָרן דריי, שפּראַכן פיר	78
23. דריי יינגעלעך	80
24. ציפּהלע	82
25. שרהלע איז אין וואַלד אַוועק	83
26. היינט האָט תּתונה אונזער קאַץ	84
27. פּאַריאַ	86
28. שפּיל ציגיינער	88

IV. טרויער-לידער

1. אָ, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן	90
2. מיין צוואה	91
3. טרויער-מאַרש	92
4. נאָכן אָרון	93